בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פּוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת און הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים און מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון ק"ח

פרשת בהר בחוקותי שנת תשפ"ה

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פּוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## לִמּוּדִים פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת בְּהַר שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

פַארְן שִׁיעוּר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזוּנְגֶען דֶעם נִיגוּן: **"בַּר יוֹחָאִי, נִמְשַׁחְתָּ אַשְׁרֶיךָ, שֶׁמֶן שָׂשׂוֹן מֵחֲבֵרֶיךָ".**

### שִׁיסְן מִיט דִי קִינְדֶער מִיטְ'ן פַייל אוּן בּוֹיגְן

דֶעם שִׁיעוּר גֶעבּ אִיךְ בַּיי מִיר אִין אָפִיס, אוּן אִיךְ בֶּעט מֶען זָאל עֶס גֶעבְּן צוּ הֶערְן פַאר דִי טֵייעֶרֶע לֶערֶערִינְס פוּן 'בֵּית פֵּיגָא', וַוייל מִיר גֵייעֶן רֶעדְן זַאכְן וָואס זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶל נוֹגֵעַ פַאר לֶערֶערִינְס.

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט פַאר דֶער יוֹם טוֹב לַ"ג בָּעֹמֶר. לַ"ג בָּעֹמֶר אִיז אַ מִנְהָג צוּ שִׁיסְן מִיט אַ לַ"ג בָּעֹמֶר שִׁיסֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן סג), שִׁיסְן לַ"ג בָּעֹמֶר מִיט אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן אִיז מְסוּגָּל פַאר קִינְדֶער.

וְוִיל אִיךְ בֶּעטְן פוּן דִי לֶערֶערִינְס, מֶען זָאל הָאבְּן אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן אוּן גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶערְלֶעךְ צוּ שִׁיסְן. [הֵיי יָאר (תשפ"ד) אַז לַ"ג בָּעֹמֶר גֶעפַאלְט אוֹיס זוּנְטָאג, אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ שְׁפִּילְן מִיט דִי קִינְדֶער מִיטְ'ן פַייל אוּן בּוֹיגְן, וַוייל זוּנְטָאג אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּלֶע, זָאל מֶען רֶעדְן פוּן דֶעם אַפָּאר טֶעג פַארְדֶעם, מֶען זָאל רֶעדְן פוּן דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, אוּן דִי קִינְדֶער זָאלְן שְׁפִּילְן מִיטְ'ן פַייל אוּן בּוֹיגְן בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים].

בַּיי מֵיידְלֶעךְ דַארְף עֶס שׁוֹין זַיין אוֹיף אַן אוֹפָן פוּן צְנִיעוּת, מֶען קֶען נִישְׁט סְתַּם אַרוֹיסְגֵיין אִין גַאס צְוִוישְׁן מֶענֶער, מֶען דַארְף גֵיין אִין אַ פְּרִיוַואטֶע חָצֵר וָואס אִיז נָאר גֶעאֵייגְנְט פַאר מֵיידְלֶעךְ. אוּן מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט שִׁיסְן אִין אֵיינֶעמְ'ס פָּנִים, נָאר מֶען שִׁיסְט אַבִּיסְל אַרוֹיף צוּם הִימְל.

### דָאס אִידִישֶׁע שְׁוֶוערְד אִיז תְּפִלָּה

לֶערְנְטְס מִיט דִי קִינְדֶער וָואס אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן שִׁיסְן לַ"ג בָּעֹמֶר מִיט אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן? וַוייל עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תִּיקּוּנִים, תִּיקּוּן יח, דַף לו:), רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן רֶבִּי אֶלְעָזָר: **"וְסִימָנָא דָא יְהֵא בִידָךְ"**, דָאס זָאל זַיין דַיין סִימָן, **"עַד דְּתֶחְזֵי קַשְׁתָּא בְּגַוְונוֹי נְהִירִין לָא תְצַפֵּי לְרַגְלֵי דִמְשִׁיחָא"**, זָאלְסְט נִישְׁט וַוארְטְן אַז מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען, בִּיז דוּ וֶועסְט זֶען אוֹיפְן הִימְל אַ שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע רֶעגְן בּוֹיגְן. דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי טַעֲמִים פַארְוָואס מֶען שִׁיסְט מִיט אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם שִׁיק שׁוֹין מָשִׁיחַ, וָואס וֶועט קוּמֶען וֶוען מֶען וֶועט זֶען אַ בּוֹיגְן אוֹיפְ'ן הִימְל".**

אָבֶּער מִיט דִי הֵיילִיגֶע לִימּוּדִים פוּן רֶבִּי'ן קֶען מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ב): דָאס אִידִישֶׁע בּוֹיגְן אִיז 'תְּפִלָּה', אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מח, כב): **"אֲשֶׁר לָקַחְתִּי מִיַּד הָאֱמֹרִי בְּחַרְבִּי וּבְקַשְׁתִּי"**, זָאגְט רַשִׁ"י, דֶער גוֹי הָאט אַ בּוֹיגְן - אַ שִׁיסֶער, אָבֶּער דָאס אִידִישֶׁע בּוֹיגְן, דָאס אִידִישֶׁע שְׁוֶוערְד - אִיז תְּפִלָּה.

זָאגְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי פַאר זוּן רֶבִּי אֶלְעָזָר: זָאלְסְט נִישְׁט וַוארְטְן אַז מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען בִּיז עֶס וֶועט אַזוֹי לִיכְטִיג וֶוערְן בַּיי מֶענְטְשְׁן, אַז דִי 'הִימְל זַאךְ', דָאס מֵיינְט דָאס שֶׁענְסְטֶע זַאךְ בַּיי אַ אִיד וֶועט זַיין דִי בּוֹיגְן. דָאס מֵיינְט, דָאס אִידִישֶׁע בּוֹיגְן, דָאס מוֹיל אוּן דִי לִיפְּן, דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט זַיין אַרוֹיפְגֶעקוּקְט אַזוֹי וִוי דִי הִימְל, דָאס וֶועט זַיין דָאס שֶׁענְסְטֶע זַאךְ בַּיי אַ אִיד. וֶוען דֶעם רֶבִּינְ'ס לִימּוּדִים וֶועלְן אַרַיינְגֵיין אִין דִי וֶועלְט, יֶעדֶער וֶועט אָנְהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט מָשִׁיחַ קוּמֶען.

אִיךְ וְוִיל עֶנְק בֶּעטְן טֵייעֶרֶע לֶערֶערִינְס, לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער תְּפִלָּה, תְּפִלָּה, תְּפִלָּה.

### בֵּית פֵּיגָא אִיז תְּפִלָּה

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן אַ לֶערֶערִין, זִי שְׁרַייבְּט מִיר אַז אַסַאךְ מֵיידְלֶעךְ ווילְן נִישְׁט דַאוֶונֶען, עֶס אִיז בַּיי זֵיי אַ 'שְׁטִיק' נִישְׁט צוּ דַאוֶונֶען, זֵיי זֶענֶען פַארְקְנַאקְט אוּן מֶען קֶען זֵיי נִישְׁט מַאכְן דַאוֶונֶען, דֶערְפַאר דַאוֶונְט דִי לֶערֶערִין שְׁפֶּעטֶער אִין טָאג, אַז דִי אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען פוּן אַרוֹיסְשִׁיקְן אוּן אַרַיינְשִׁיקְן קִינְדֶער - זָאל כָאטְשׁ נִישְׁט זַיין אָנְהוֹיבּ טָאג.

אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר, לֶערֶערִינְס פוּן 'בֵּית פֵּיגָא' וָואלְטְן יָא גֶעדַארְפְט קֶענֶען פוֹעֵלְ'ן בַּיי דִי קִינְדֶער צוּ דַאוֶונֶען, דִי מוֹסָד דַארְף זִיךְ נִישְׁט בְּרֶעכְן פַאר דִי קִינְדֶער, דִי לֶערֶערִין זָאל זָאגְן: **"אָקֶעי פֵיין, דַאוֶונְט מֶען נִישְׁט..."** פַארְקֶערְט, דִי קִינְדֶער דַארְפְן זִיךְ בְּרֶעכְן פַאר דִי מוֹסָד, מֶען מוּז קֶענֶען דוּרְכְבְּרֶעכְן אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן יָא הָאבְּן אַ גֶעפִיל אִין דַאוֶונֶען.

דֶער שְׁפְּרַאךְ פוּן זָאגְן פַאר קִינְדֶער: **"אָקֶעי, עֶטְץ דַאוֶונְטְס נִישְׁט - גֵייט מֶען הַיינְט נִישְׁט דַאוֶונֶען!"** - רֶעדְט מֶען נִישְׁט צוּ קִינְדֶער, וַוייל אוֹיבּ דִי קִינְדֶער גֵייעֶן אוֹיךְ נִישְׁט לֶערְנֶען - גֵייסְטוּ אוֹיךְ נִישְׁט לֶערְנֶען הַיינְט? דָאס הֵייסְט גֶערֶעדְט סַארְקַאסְטִישׁ (בַּייסִיג), קִינְדֶער פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דֶער סָארְט שְׁפְּרַאךְ. אַז מֶען זָאגְט פַאר קִינְדֶער: **"אָקֶעי, הַיינְט דַארְף מֶען נִישְׁט דַאוֶונֶען", "אָקֶעי הַיינְט וֶועט מֶען נִישְׁט לֶערְנֶען", "אָקֶעי, הַיינְט דַארְף מֶען נִישְׁט קוּמֶען אִין סְקוּל",** וֶועלְן דִי קִינְדֶער זִיךְ צוּכַאפְּן דֶערְצוּ, וַוייל קִינְדֶער זֶענֶען טַאקֶע נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט

צוּ קוּמֶען אִין שׁוּלֶע.

וֶוען מַיין מְלַמֵד זָאל אוּנְז זָאגְן אַלְס קִינְד: **"אָקֶעי, וֶוער עֶס ווִיל נִישְׁט קוּמֶען אִין חֵדֶר - מוּז נִישְׁט קוּמֶען"**, וָואלְט מֶען אִים גֶעזָאגְט: **"רֶבִּי, אִיךְ בִּין נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט צוּ קוּמֶען אִין חֵדֶר"**... אוּן אִיךְ הָאף אַז קַיין אֵיין לֶערֶערִין וֶוערְט נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט צוּ הֶערְן אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט צוּ קוּמֶען אִין שׁוּלֶע, וַוייל דָאס זֶענֶען קִינְדֶער, קִינְדֶער ווִילְן קֶענֶען שְׁפִּילְן אַ גַאנְצְן טָאג. אֶפְשָׁר 'פּוּפְצְן יֶערִיגֶע קִינְדֶער' ווִילְן שׁוֹין קוּמֶען אִין שׁוּלֶע, אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ נִישְׁט זִיכֶער...

אִיךְ ווִיל נִישְׁט זָאגְן אַנְדֶערְשׁ פוּן דִי אָפִּיס, אוֹיבּ דִי אָפִּיס הָאט בַּאשְׁטִימְט אַז דָאס דַאוֶוענֶען זָאל זַיין דִי לֶעצְטֶע זַאךְ, וַוייל דֶעמָאלְט אִיז עֶס גְרִינְגֶער, זָאל מֶען אַזוֹי טוּן, אִיךְ זָאג אָבֶּער אַז מֶען דַארְף אַרַיינְלֵייגְן כֹּחוֹת אִין דֶער זַאךְ פוּן דַאוֶוענֶען, דִי קִינְדֶער זָאלְן ווִיסְן דָאס אִיז בֵּית פֵּיגָא: 'תְּפִלָּה!' אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער דֶער זַאךְ פוּן דִי פַּייל אוּן בּוֹיגְן, אַז וָואס אַ אִיד דַארְף זָאל עֶר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן דַאוֶוענֶען

לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער ווִי שֵׁיין עֶס אִיז צוּ דַאוֶוענֶען, אוּן דִי הֲלָכוֹת ווִי אַזוֹי מֶען דַאוֶוענְט.

לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער ווִי אַזוֹי מֶען שְׁטֵייט בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, אַז מֶען דַארְף שְׁטֵיין מִיט צוּגֶעמַאכְטֶע פִּיס אַזוֹי ווִי דִי מַלְאָכִים וָואס הָאבְּן נָאר אֵיין פִּיס, אוּן מֶען טָאר נִישְׁט עֶפֶענֶען דִי אוֹיגְן אִינְמִיטְן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, קוֹים קוֹים הָאט מֶען מַתִּיר גֶעוֶוען אַרַיינְצוּקוּקְן אִין אַ סִידוּר, נִישְׁט אַז מֶען זָאל אַרוּמְקוּקְן אוּן אַרוּמְלַאכְן.

זָאגְטְס פַאר דִי קִינְדֶער: **"בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה קוּקְט מֶען אַרַיין אִין דִי סִידוּר, כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען אִינְזִין הָאבְּן וָואס מֶען זָאגְט, אָבֶּער מֶען טָאר נִישְׁט אַרוּמְקוּקְן, מֶען קֶען וֶוערְן פַארְבְּרֶענְט!"**

## דֶערְשְׁרֶעקְן קִינְדֶער?

גֶעווִיסֶע מְלַמְדִים הָאבְּן מִיךְ מְעוֹרֵר גֶעוֶוען מֶען זָאל נִישְׁט זָאגְן פַאר קִינְדֶער אַז דִי אוֹיגְן קֶען וֶוערְן פַארְבְּרֶענְט, וַוייל קִינְדֶער וֶועלְן בְּלַייבְּן דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דֶעם.

אִיךְ וֶועל עֶנְק זָאגְן דֶעם אֱמֶת, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מַיינֶע מְלַמְדִים אַלְס קִינְד **"אוֹיבּ מֶען קוּקְט אַרוֹיס פוּן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה שְׁטֶעכְט מֶען אוֹיס דִי אוֹיגְן!"** בִּין אִיךְ אוֹיךְ גֶעוָוארְן דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ הָאבּ מַמָשׁ גֶעהַאט פְּחָדִים אַז מֶען גֵייט מִיךְ שׁוֹין סַיי ווִי אוֹיסְשְׁטֶעכְן דִי אוֹיגְן וַוייל אִיךְ הָאבּ אַרוֹיסְגֶעקוּקְט. אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, טַאקֶע פַארְדֶעם אִיז מִיר עֶס לְמַעֲשֶׂה אַרַיין אִין מַיינֶע בֵּיינֶער, אוּן אִיךְ קוּק נִישְׁט אַרוֹיס אִינְמִיטְן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה.

אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיךְ: 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, מַיינֶע קִינְדֶער וָואס מֶען הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעזָאגְט דֶער עוֹנֶשׁ פוּן אַרוֹיסְקוּקְן אִינְמִיטְן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, וַוייל מֶען ווִיל נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן, זֵיי קוּקְן אַרוֹיס אִינְמִיטְן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, וֵוייס אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט וָואס אִיז בֶּעסֶער... וַוייל אוּנְזֶערֶע מְלַמְדִים וָואס הָאבְּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אוּנְז אַ פַּחַד אַרוֹיסְצוּקוּקְן אִינְמִיטְן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה הָאבְּן אוֹיפְגֶעטוּן, דִי קִינְדֶער הָאבְּן גֶעצִיטֶערְט אַרוֹיסְצוּקוּקְן אִינְמִיטְן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, וַוייל מֶען גֵייט אוֹיסְשְׁטֶעכְן דִי אוֹיגְן, ווִידֶער הַיינְט אַז מֶען זָאגְט עֶס נִישְׁט פַאר דִי קִינְדֶער, קוּקְן זֵיי אַרוֹיס אִינְמִיטְן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה... הַלְוַאי זָאלְן דִי מְלַמְדִים יָא גֶעבְּן אַ שָׁאקְל אוֹיף דִי קִינְדֶער אַז מֶען טָאר נִישְׁט אַרוֹיסְקוּקְן פוּן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, כְּדֵי דִי קִינְדֶער זָאלְן מוֹרָא הָאבְּן פוּן דֶעם.

## וַואוּו, קוּק ווִי אִידְן הָאבְּן אַזוֹי לִיבּ מִצְוֹת

אִיךְ ווִיל עֶנְק בֶּעטְן, שִׁיקְט אַהֵיים מִיט דִי קִינְדֶער דִי מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, דִי קִינְדֶער זָאלְן קֶענֶען דִי מַעֲשֶׂה וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (שַׁבָּת לג:), אַז וֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן דִי הֵייל הָאט עֶר אַרָאפְּגֶעקוּקְט דִי אִידְן וָואס אַרְבֶּעטְן אַנְשְׁטָאט צוּ לֶערְנֶען, עֶר הָאט גֶעזֶען ווִי מֶענְטְשְׁן אַקֶערְן אוּן זֵייעֶן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: **"דִי מֶענְטְשְׁן לָאזְן אִיבֶּער חַיֵּי עוֹלָם, אוּן זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט חַיֵּי שָׁעָה?!"** אוּן וואוּ עֶר הָאט גֶעקוּקְט אִיז גֶעוָוארְן פַארְבְּרֶענְט, אִיז אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל אוּן הָאט גֶעזָאגְט: **"לְהַחֲרִיב עוֹלָמִי יְצָאתֶם? חִיזְרוּ לִמְעָרַתְכֶם!"** וֶועגְן דֶעם בִּיסְטוּ אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן דֶעם הֵייל צוּ פַארְבְּרֶענֶען מֶענְטְשְׁן? גֵיי צוּרִיק אִין דִי הֵייל! אִיז עֶר צוּרִיק אַרַיין אִין דִי הֵייל פַאר נָאךְ אֵיין יָאר.

נָאךְ אַ יָאר וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן דִי הֵייל, זֶעט רֶבִּי שִׁמְעוֹן ווִי אַ אִיד לוֹיפְט מִיט 'צְוֵויי הֲדַסִּים', רוּפְט עֶר אִים צוּ אוּן פְרֶעגְט אִים: **"וָואס לוֹיפְסְטוּ?"** זָאגְט יֶענֶער: **"עֶס קוּמְט שׁוֹין שַׁבָּת"**, פְרֶעגְט עֶר יֶענֶעם: **"פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ הֲדַסִּים"**, זָאגְט יֶענֶער: **"לִכְבוֹד שַׁבָּת"**, פְרֶעגְט עֶר יֶענֶעם: **"אוּן פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ צְוֵויי הֲדַסִּים?"** זָאגְט יֶענֶער: **"אֵיינְס פַאר זָכוֹר אוּן אֵיינְס פַאר שָׁמוֹר"**, הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ זַיין זוּן: **"חֲזִי כַּמָּה חֲבִיבִין מִצְוֹת עַל יִשְׂרָאֵל"**, וַואוּו, קוּק ווִי אִידְן הָאבְּן אַזוֹי לִיבּ מִצְוֹת!

דָאס אִיז אַ לִימוּד וָואס מֶען דַארְף זִיךְ לֶערְנֶען, וֶוען מֶען זֶעט הַיינְט אַ מֶענְטְשׁ עֶרֶב שַׁבָּת מִיט צְוֵויי הֲדַסִּים קֶען מֶען טְרַאכְטְן: 'לָאז אָפּ, דַאוֶוען אוּן לֶערְן אוּן זוּךְ זִיךְ נִישְׁט דִי אַלֶעס סָארְט מִצְוָה'לֶעךְ...' אָבֶּער רֶבִּי שִׁמְעוֹן זָאגְט: **"קוּק דֶער אִיד מִיט דִי הֲדַסִּים, קוּק ווִי אִידְן הָאבְּן אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ מִצְוֹת!"**

דָאס דַארְפְן מִיר נָאכְמַאכְן, מִיר דַארְפְן אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ יֶעדֶע מִצְוָה, **"וַואוּו, קוּק דִי מֵיידְל קִישְׁט דִי מְזוּזָה!" "וַואוּו, קוּק דִי מֵיידְל גֶעבְּט צְדָקָה!" "וַואוּו, קוּק דִי מֵיידְל קוּמְט נָאךְ אִין סְקוּל!"**

## ווִי אַזוֹי קוּקְט אַ צַדִיק אוֹיף אַ צְוֵוייטְן

עֶס אִיז דָא אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה, אִיךְ טְרַאכְט דֶערְפוּן זֵייעֶר אַסַאךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל פְרַייטָאג צוּנַאכְטְס גֶעשְׁטַאנֶען מִיט דִי בֶּעכֶער אִין דִי הַאנְט, עֶר הָאט גֶעוָואלְט קִידוּשׁ מַאכְן, אָבֶּער עֶר מַאכְט נִישְׁט קִידוּשׁ, עֶר שְׁטֵייט אַזוֹי מִיט דִי בֶּעכֶער פִינְף מִינוּט, צֶען מִינוּט, אוּן עֶר שָׁאקְלְט זִיךְ, מֶען הָאט שׁוֹין גֶעמֵיינְט אַז זִיכֶער אִיז יֶעצְט דָא עֶפֶּעס אַ גְזֵירָה אִין הִימְל אוּן דֶער צַדִיק דַארְף עֶס מְבַטֵּל זַיין, פְּלוּצְלִינְג הֵייבְּט דֶער צַדִיק אָן: **"יוֹם הַשִּׁשִּׁי"**.

נָאכְן טִישׁ הָאט אֵיינֶער גֶעפְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ: **"וָואס אִיז גֶעוֶוען פַאר קִידוּשׁ?"** הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק גֶעזָאגְט: **"הָאסְט נִישְׁט גֶעזֶען? אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט פַאר קִידוּשׁ ווִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לַאכְן פוּן מִיר, הָאבּ אִיךְ זֵיי אַרָאפְּגֶעקוּקְט, אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט אוֹיף זֵיי אַז זֵיי זֶענֶען לֵצִים, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט גֶעזֶען אִין זֵיי קַיין גוּטְס, אָבֶּער אַזוֹי ווִי פַאר קִידוּשׁ דַארְף מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן וָואס מֵיינְט 'תְּשׁוּבָה טוּן'? נִישְׁט קוּקְן שְׁלֶעכְט אוֹיף אַנְדֶערֶע, נָאר קוּקְן גוּטְס אוֹיף יֶעדְן, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט תְּשׁוּבָה טוּן אוּן טְרֶעפְן אִין זֵיי עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן אִין זֵיי קַיין גוּטְס, וַוייל ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ טְרֶעפְן אִין זֵיי עֶפֶּעס גוּטְס, וֶוען זֵיי זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶל גֶעקוּמֶען שְׁטֶערְן דֶעם טִישׁ? בִּין אִיךְ גֶעשְׁטַאנֶען מִיט פַארְמַאכְטֶע אוֹיגְן אוּן גֶעזוּכְט עֶפֶּעס גוּטְס אִין זֵיי, בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר 'וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעוֶוען אִין זֵייעֶר מַצָּב, וָואלְט אִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעקוּמֶען שְׁטֶערְן, וַוייל אִיךְ וָואלְט נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ אַ טִישׁ, אִיךְ וָואלְט גֶעגַאנְגֶען מְחַלֵל שַׁבָּת זַיין, אוּן זֵיי זֶענֶען**

**כָאטש געקומען אין בֵּית הַמִדְרָשׁ!" האב איך אָנגעהויבן קידוש".**

עֶטְץ זעטס ווי אַזוי אַ צַדִיק קוקט? מען איז נישט פאַרנומען צו זען אַז די מיידל איז שְׁלעכט און די מיידל איז פאַרדאַרבּן, פאַרקערט, 'וואוו, קוק זי קומט נאָך אין שולע!'

דאס נעמען מיר אַרויס לַ"ג בָּעֹמֶר, אַריינצונעמען לִיבְּשַׁאפְט אויף יעדעס קינד, קוק ווי דער מענטש לויפט מיט הַדַסִים, און קוק ווי די קינד גייט צאַמְעגענומען אַזוי שֵׁיין און אֵיידל!

## דאָס שֵׁיינְקייט פוּן זיך אָפְּשֶׁערן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה

לְכָבוֹד לַ"ג בָּעֹמֶר זאָלט עֶטְץ אָנְהֵייבְּן רעדן צו די קינְדֶער פון צְנִיעוּת און פון דאס שֵׁיינְקייט פון זיךְ אָפְּשֶׁערן די האר נָאךְ די חֲתוּנָה. לֵיידער איז היינט דאָ זייער אַסאךְ קינְדער פון שְׁטִיבֶּער וואס זייער מְסוֹרָה איז זיךְ אָפְּצוּשֶׁערן די האר נָאךְ די חֲתוּנָה, און זיי טוּעֶן דאס נִישְׁט.

יֶעצְט ווען זיי זֶענֶען נָאךְ קינְדֶער איז גְרִינְגֶער צו רעדן ווי נָאךְ די חֲתוּנָה, ווייל ווען עס איז שוין נוֹגֵעַ - איז שְׁוֶוערֶער אָנְצוּנֶעמֶען וואס מען זאָגט.

אַסאךְ מָאל קוּמֶען מִשְׁפָּחוֹת מִיךְ פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת אין צְנִיעוּת, וואס זאָל איךְ עֶנְטְפֶערְן? איךְ עֶנְטְפֶער וואס יֶענֶער וויל הֶערְן, אֵיין עֶנְטְפֶער קען איךְ זאָגְן, בֶּעט דעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הַיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אִיךְ זאָל לִיב הָאבְּן אֵיידְלְקֵייט".**

מען דאַרף רעדן צו די קינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט ווי שֵׁיין עס איז זיךְ אָפְּצוּשֶׁערן די האר, און וואס רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי זאָגט צו (זוהר הַקָּדוֹשׁ פָּרָשַׁת נָשֹׂא, דַף קכה:) אַז אַ פְּרוּי וואס גייט אָפְּגֶעשׁוירְן און צוּגֶעדֶעקְט די קָאפּ, ווערט זוֹכֶה זַיין צו עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער און צו אַלֶע בְּרָכוֹת.

עֶטְץ זֶענְטְס מַיינֶע שְׁלוּחִים, און איךְ האָף אַז עֶטְץ טוּטְס רִיכְטִיג מַיין שְׁלִיחוּת, עֶטְץ רעדט צו די קינְדֶער פון זיךְ אָפְּשֶׁערן די האר נָאךְ די חֲתוּנָה.

## קֵיינֶער קוּמְט נִישְׁט אִין כִּתָּה צֶעגְרֶינְד צוּ לֵייגְן

דער עִיקָר איז אַריינְלֵייגְן לִיבְּשַׁאפְט אין די קִינְדֶער. ווילַאנְג מען זעט נישט אין אַ מֵיידל עֶפֶּעס גוּטְס, דאַרף מען האַלְטְן די בֶּעכֶער אין די האַנְט און נִישְׁט מַאכְן קִידוּשׁ...

ווי אַזוי קענְסְטוּ מַאכְן קִידוּשׁ, ווילַאנְג דו טְרַאכְסְט נָאךְ אויף אַ קִינְד אַז דער אִינְגְל אָדֶער די מֵיידל איז געקוּמֶען אין כִּתָּה מִיךְ צֶעגְרִינְד צו לֵייגְן?! ווי אַזוי קען זַיין אַז אַ קִינְד קוּמְט אין כִּתָּה צֶעגְרֶינְד צו לֵייגְן? יֶעדֶעס קִינְד קוּמְט אין חֵדֶר און אין שוּלֶע פַאר אֵיין סִיבָּה, ווייל די מַאמֶע האָט איר אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אויפְן בָּאס, זי וואָלט געֶרְן געבְּלִיבְּן שְׁפִּילְן מיט די בְּלוּמֶעלֶעךְ אִינְדְרוֹיסְן אויפְן פֶעלְד; זַייט נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז איךְ זאָג עֶנְק דאָס. קֵיינֶער קוּמְט נִישְׁט צֶעגְרֶינְד צו לֵייגְן דעם מְלַמֵד אָדֶער לֶערֶערִין, מען דאַרף איר נָאר אַבִּיסְל לִיבּ האָבְּן, און זען אַבִּיסְל גוּטְס אין איר.

איךְ בִּין נִישְׁט סְתָּם ווי אַ מוֹיל מַאכֶער וואס רֶעדְט דְרָשׁוֹת און איז עס נִישְׁט מְקַיֵים... איךְ האָב עס יֶעדְן טָאג אין יְשִׁיבָה, אַסאךְ מָאל קוּמְט דער יֵצֶר הָרָע אויף צו מִיר, איךְ הֵייבּ אָן טְרַאכְטְן: 'דער אִינְגֶערְמַאן? דער בָּחוּר? וואַרְף אִים אַרוֹיס פון די קְהִילָה!' אָבֶער נָאכְדֶעם טְרַאכְט איךְ: 'וואַרְף אִים אַרוֹיס פון די קְהִילָה? פַארְוואס? אֶפְשָׁר וואַרְף מִיךְ אַרוֹיס! טְרֶעף אין אִים גוּטְס, דו גֵייסְט דוּרְךְ וואס עֶר גֵייט דוּרְךְ? דו ווייסט מיט וואס עֶר מוּטְשֶׁעט זיךְ? דו האָסט אַ הַשָּׁגָה מיט וואס עֶר מוּטְשֶׁעט זיךְ?! - קוּק דער בָּחוּר, עֶר איז אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אָנְטוּן תְּפִילִין, עֶר איז אַ גוּטֶער', אַזוי הֵייבּ איךְ אִים אָן לִיבּ הָאבְּן, און עֶר שְׁפִּירְט עס שוין, אֲפִילוּ איךְ זאָג אִים גָארְנִישְׁט.

## דִי מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס הִיטְן דִי שְׁטָאט

איךְ ווֶעל עֶנְדִיגְן מיט דעם וואס די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (יְרוּשַׁלְמִי חֲגִיגָה א, ז): דער הֵיילִיגֶער רַבִּי חִיָּיא, רַבִּי אַסִי און רַבִּי אַמִּי זֶענֶען אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אין שְׁטֶעטְלֶעךְ אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אין אַ שְׁטֶעטְל וואו עס איז נִישְׁט געווען קֵיין חֵדֶר, האָבְּן זיי גֶעפְרֶעגְט פון די מֶענְטְשְׁן פון שְׁטָאט: **"וואו זֶענֶען די שׁוֹמְרִים, די מִילִיטֶער, די אַרְמֵיי, וואס הִיטְן די שְׁטָאט, אִיךְ וויל זיי גֵיין בַּאגְרִיסְן",** האָט מען זיי געוויזְן וואו די אַרְמֵיי זֶענֶען, האָבְּן זיי געזָאגְט: **"נִישְׁט זיי מֵיינֶען מִיר, מִיר מֵיינֶען די מְלַמְדִים און לֶערֶערִינְס וואס לֶערְנֶען מיט די קִינְדֶער; זיי האַלְטְן אָן די ווֶעלְט!"**

לֵיידער אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מֵיינֶען די עֶרֶב רַב אַז זייער מִילִיטֶער הִיטְן דאס לַאנְד, דֶערְפַאר זֶענֶען זיי בְּרוֹגֶז אויף די יְשִׁיבוֹת, זיי ווילְן צוּמַאכְן די יְשִׁיבוֹת, ווייל די בַּחוּרִים קוּמֶען נִישְׁט אין מִילִיטֶער, אָבֶער דאס איז אַ נַארִישְׁקֵייט, ווייל וואס איז דען ווֶערְד די מִילִיטֶער, קוּקְט וואס מען האָט גֶעטוּן אין פָארְנְט פון זֵייעֶרֶע אוֹיגְן פַארְגַאנְגֶענֶעם שִׂמְחַת תּוֹרָה ווען אַרַאבֶּער האָבְּן גֶעעֶפְנְט די גְרֶענִיץ, זיי זֶענֶען אַריינְגֶעקוּמֶען אִינֶעם לַאנְד און אוֹיסְגֶעשָׁחְטְן טוֹיזְנְטֶער אִידְן, וואס קֶענֶען די מִילִיטֶער הִיטְן?! פַארְקֶערְט נָאר די יְשִׁיבוֹת הִיטְן די שְׁטָאט פון אַלֶע צָרוֹת!

די לֶערֶערִינְס אָטֶעמֶען אָפּ שַׁבָּת, מען דאַרף נִישְׁט גֵיין אין שוּלֶע, און מוֹצָאֵי שַׁבָּת טְרַאכְט מען צו זיךְ: 'אוֹי, איךְ האָב נִישְׁט קֵיין כֹּחַ, גַאנְץ זוּנְטָאג דאַרף איךְ זיךְ פְּלַאגְן זיךְ אָנְצוּגְרֵייטְן פַאר מָאנְטָאג, לָאמִיר אָפּ, לָאמִיר אַרוֹיסְגֵיין זיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן, איךְ האָב נִישְׁט קֵיין כֹּחַ צו גֵיין אין שוּלֶע', זָאלְט איר ווִיסְן: אַז מען קוּמְט אין שוּלֶע, מען גֶעבְּט גוּטֶע ווֶערְטֶער פַאר די קִינְדֶער, און מען בֶּעט דעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עס זָאל נִישְׁט זַיין קֵיין גֶעמַאכְטֶע גוּטֶע ווֶערְטֶער, נָאר עֶכְטֶע גוּטֶע ווֶערְטֶער, דַאן האַלְט איר די ווֶעלְט!

## אַ סַךְ הַכֹּל פוּן דֶעם שִׁיעוּר

לָאמִיר צַאמֶענֶעמֶען די פָאר נְקוּדוֹת פון וואס מיר האָבְּן גֶעשְׁמוּעֶסְט; עֶרְשְׁטְנְס: לֵייגְט אַריין אין די קִינְדֶער די אִידִישֶׁע בּוֹיגְן פון תְּפִלָּה, צְווֵייטְנְס: לֵייגְט אַריין אין די קִינְדֶער גוּטֶע מִדּוֹת, זיי זָאלְן זיךְ אָפְּלֶערְנֶען פון די מַעֲשֶׂה פון רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי, אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן אויף דעם איד וואס לוֹיפְט מיט די הֲדַסִים מיט שְׁפָּאס 'וואס קוֹיפְסְטוּ הֲדַסִים אויף שַׁבָּת? לָאמִיר זען, זעץ זיךְ אַבִּיסְל לֶערְנֶען...' האָט רַבִּי שִׁמְעוֹן נָאר גֶעקוּקְט ווי חָשׁוּב יֶענֶער איז, און עֶר האָט מַמָשׁ נִישְׁט גֶעקֶעגְנְט קוּמֶען צו זיךְ צוּ זיךְ זֶעעֶנְדִיג ווי וואויל אִידְן זֶענֶען. און דְרִיטְנְס: לֵייגְט אַריין אין די קִינְדֶער דאס גְרוֹיסְקֵייט פון גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל בִּצְנִיעוּת, און דאס גְרוֹיסְקֵייט פון זיךְ אָפְּשֶׁערְן די האר נָאךְ די חֲתוּנָה.

דער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, בִּזְכוּת רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי זָאל מען פּוֹעֶלְ'ן אַלֶעס גוּטְס, אָמֵן.

נָאכְן שִׁיעוּר האָט דער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזוּנְגֶען דעם נִיגוּן: **"בִּזְכוּת הַתַּנָּא הָאֱלֹקִי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי..."**

## חינוך אָפְּטֵיילוּנְג

אויף קול ברסלב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך

פון דער ראש ישיבה שליט"א

**אויף קול ברסלב**

**דרוקט: 1-2-4-2**

**- שמעו ותחי נפשכם -**

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## דִי הַדְלָקָה זָאל בְּלַייבְּן בְּרֶענֶען אוּן פְלַאקֶערְן אַ גַאנְץ יָאר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, י"ח אִיָּיר, לַ"ג לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי הַדְלָקָה בְּרֶענְט אוּן פְלַאקֶערְט, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי שִׂמְחָה דָא אִין מִירוֹן. מֶען דַארְף אָבֶער זֶען אַז דִי פֵייעֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְלֶעשְׁן, עֶס זָאל בְּלַייבְּן בְּרֶענֶען אוּן פְלַאקֶערְן אַ גַאנְץ יָאר, מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי לֶערְנְט אוּנְז; בְּעִיקָר דִי וַוייבֶּער דַארְפְן גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר, טוּן וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן וָואס פִירְן זִיךְ אֵיידְל, וָואס שֶׁערְן זִיךְ דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה; אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ מַאכְן רוּעֶן דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ, מֶען פַארְטְרַייבְּט דִי נִישְׁט גוּטֶע, מֶען הָאט פַּרְנָסָה.

מֶען דַארְף הַיינְט אַסַאךְ בֶּעטְן פַאר דֶעם, אַז דִי שְׁטוּבּ זָאל זַיין אַ שֵׁיינֶע, רֵיינֶע, עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ. מֶען מוּז גִיסְן תְּפִילוֹת; דִי פְרוֹי בַּיי דִי לִיכְט וֶוען זִי צִינְדְט דִי שַׁבָּת לֶעכְט, אוּן דֶער מַאן בַּיי פְּתִיחַת הָאָרוֹן.

מֶען דַארְף בֶּעטְן אוֹיף דֶעם יֶעדְן טָאג, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְמַאנֶען וֶוען מֶען הָאט עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער, מֶען דַארְף בֶּעטְן אֲפִילוּ מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ מִיר הֵיילִיגֶע קִינְדֶער, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, טֶעכְטֶער אוּן שְׁנִירְן וָואס וֶועלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן אוּן צוּדֶעקְן דִי קָאפּ אַזוֹי וִוי דִי צַדִיקִים הָאבְּן אוּנְז גֶעלֶערְנְט". אַזוֹי וֶועט דִי הַדְלָקָה בְּרֶענֶען אַ גַאנְץ יָאר, דִי שִׂמְחָה וֶועט וֶוערְן שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת במדבר תשפ"ג)

## וִוי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען אוֹיס קִינְדֶער זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי מֶען לֶערְנְט אוֹיס קִינְדֶער זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין דִי צַייט וָואס פוּן נַאטוּר אוֹיס וֶועלְן דִי קִינְדֶער זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וִוי אַזוֹי מֶען אִיז מְחַנֵךְ קִינְדֶער – אַזוֹי וַואקְסְן זֵיי אוֹיף; אַז מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי אַסַאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועלְן זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן מִיט אֱמוּנָה. קִינְדֶער וָואס הֶערְן טָאג אוּן נַאכְט פוּן דִי עֶלְטֶערְן אוּן מְחַנְכִים: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן", "מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף", "בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", "יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער" – וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

קִינְדֶער כַאפְּן זִיךְ מֶער צוּ וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ג:): "בַּתְּחִלָּה קוֹדֶם שֶׁחָטְאוּ יִשְׂרָאֵל, הָיְתָה הַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה עִם כָּל אֶחָד וְאֶחָד", פַאר מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט הָאט דִי שְׁכִינָה גֶערוּט בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, "כֵּיוָן שֶׁחָטְאוּ נִסְתַּלְּקָה שְׁכִינָה מֵהֶם", אָבֶער וִויבַּאלְד מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט – אִיז דִי שְׁכִינָה אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען; וָואס אִיז דָאס 'שְׁכִינָה'? וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט קְלָאר אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וָואס מֶען זֶעט מִיט דִי אוֹיגְן אִיז נָאר אַ לְבוּשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ כְּלַל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם, נָאר עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט אִין דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר; אַזוֹי אוֹיךְ וֵוייסְט עֶר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים, דָאס מֵיינְט 'הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה' – דִי שְׁכִינָה רוּט בַּיי אִים. דֶעמָאלְט הוֹיבְּט דֶער מֶענְטְשׁ אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט אַלֶעס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ מִיט אִים אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט גֶערֶעדְט מִיט זַיין נָאנְטֶער חַבֵר.

אָבֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחְמָנָא לִצְלָן גֵייט אַרַיין אִין אִים חָכְמוֹת, שְׁטוּתִים אוּן דִמְיוֹנוֹת, כְּאִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דִי וֶועלְט וְכוּ'; מֶען אִיז צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶערִיסְן, אוּן מֶען גֵייט אַרוּם מִיט קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחְמָנָא לִצְלָן. דֶערִיבֶּער קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נָאךְ רֵיין – טוּעֶן דִי מִצְוֹת מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע אֱמֶת בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, צוּ זֵיי קֶען מֶען רֶעדְן רֵיינֶע אֱמוּנָה וֶוערְטֶער אָן קַיין דְרֵיידְלֶעךְ.

זָאלְסְטוּ זֶען צוּ רֶעדְן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה אוּן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים. דֶערְצֵייל זֵיי כְּסֵדֶר וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט וֶוען מֶען דַאוֶוענְט אוּן מֶען בֶּעט אִים, זָאלְן זֵיי הֶערְן וִוי דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן אַזוֹי הֵיילִיג אוּן גְרוֹיס דוּרְךְ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְכְדֶעם וֶועט אִין זֵיי אַרַיינְגֵיין אַ פֵייעֶר פוּן קְדוּשָׁה.

קִינְדֶער הָאבְּן זֵייעֶר לִיבּ צוּ הֶערְן מַעֲשִׂיּוֹת, דָאס פְלַאקֶערְט אוֹיף זֵייעֶר הַארְץ לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רמח): "דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", זָאלְסְט וִויסְן – זָאגְט דֶער רֶבִּי – אַז דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד". וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק וֶוערְט מֶען אוֹיפְגֶעפְלַאמְט אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע חֵשֶׁק צוּ וֶועלְן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נָאכְדֶעם וָואס מֶען זֶעט וִוי דֶער צַדִיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוּן עֶר אִיז בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(ספר עצתו אמונה חלק ז', מכתב תרסז)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com


קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספים; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 /קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876